בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת לך לך תשע"ח | גליון 428 [שנה ט']

**נסיון הראשון איז געווען כנסיון האחרון**

וַיֹּאמֶר ה' אֶל־אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ: (יב א) שטייט אין מדרש (תנחומא לך פ"ג) רבי לוי אומר נִסָּיוֹן הָרִאשׁוֹן כְּנִסָּיוֹן הָאַחֲרוֹן נִסָּיוֹן הָרִאשׁוֹן בְּלֶךְ לְךָ מארצך נסיון הָאַחֲרוֹן בְּלֶךְ לְךָ אל ארץ המוריה. פרעגן אלע מפרשים ווי קען מען צוגלייכן די ערשטע נסיון פון גיין אין גלות צו די נסיון פון עקידה מקריב צו זיין א בן יחיד? נאר מען קען זאגן אז ביי די לעצטע נסיון איז שוין אברהם געווען שטארק אויס געארבעט אין פאלגן די רייד פון אויבערשטן ווייל אין חכם כבעל הנִסָּיוֹן, אבער די ערשטע נסיון איז געווען א נייע דרך וואס ער איז נישט געווען געוואוינט און בפרט אז ער דארף גיין אין גלות און מען ווייסט נישט וואו און ווי אזוי עס וועט זיין, און פונדעסטוועגן האט אברהם געפאלגט אן קיין שאלות. מען קען ענטפערן נאך א תירוץ אז ביי די נסיון פון עקידה האט אים דער אויבערשטער נישט געזאגט אז ער וועט האבן עפעס א שכר פאר דאס טאן און אברהם האט דאס געוואלט טאן מיט גרויס תשוקה ווייל ער האט ליב געהאט דעם אויבערשטן, דאס זעלבע איז געווען ביי די ערשטע נסיון וואס אפילו דער אויבערשטער האט אים געזאגט וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה, האט אברהם דאס געטאן נאר וועגן אהבת ה' און נישט וועגן די שכר, דאס מיינט די נִסָּיוֹן הָרִאשׁוֹן איז געווען כְּנִסָּיוֹן הָאַחֲרוֹן. (קובץ הבאר תרפ"ג מהגאון ר' שמואל לאשקאוויץ מצאנז עיי"ש וואס ער ברענגט נאך דריי תירוצים)

**א פליאה אויפן כתב סופר**

דער הייליגער כתב סופר שרייבט וז"ל ולך אל ארץ המוריה וכו' בתנחומא נִסָּיוֹן הָאַחֲרוֹן כְּנִסָּיוֹן הָרִאשׁוֹן בראשון כתי' לך לך ובאחרון ג"כ לך לך נ"ל דבראשון פירש"י להנאתך כי הבטיחו ה' שיגדלהו ויברכהו, הי' בוודאי להנאתו, אבל בעקידה בשעת הציווי לא הבטיחו כלום, מ"מ הלך בזריזות ובשמחה ובטוב לב כמוצא שלל רב, והיינו הנסיון האחרון כְּנִסָּיוֹן הראשון שהבטיחו ה' שיקבל שכרו הטוב כנ"ל וק"ל. וואס עס איז אינטרעסאנט אז דער כתב סופר שרייבט נסיון הָאַחֲרוֹן כְּנִסָּיוֹן הָרִאשׁוֹן, וואס דאס שטייט נישט אין אונזערע תנחומא, און ער פארענטפערט דער מהלך ענדלאך צום פריערדיגן תירוץ פון ר' שמואל, נאר די ערשטע נסיון איז געווען מיט חשק ווייל עס איז געווען א שכר צו דעם דעריבער האט אברהם דאס געטאן מיט חשק אבער די לעצטע נסיון איז געווען אן א שכר און אברהם האט דאס געטאן מיט חשק, איז די לעצטע נסיון האט אברהם געטאן מיטן זעלבן חשק ווי די ערשטע נסיון וואס איז געווען מיט א שכר. [א שטיקל פלא וצ"ע המו"ל] (כתב סופר)

**וואס לערנט אונז אז לוט האט געהאט אֹהָלִים?**

וְגַם־לְלוֹט הַהֹלֵךְ אֶת־אַבְרָם הָיָה צֹאן־וּבָקָר וְאֹהָלִים: (יב ה) דארף מען פארשטיין וואס איז דער חידוש אז לוט האט אויך געהאט געצעלטן, איז ער דען געשלאפן אין פעלד אן א געצעלט? נאר עס שטייט אין מדרש אויפן פסוק לְתַאֲוָה יְבַקֵּשׁ נִפְרָד (משלי יח א) אז דאס מיינט לוט וואס האט זיך אפגעשייד פון אברהם אבינו, קען מען זאגן אז לוט האט זיך אפגעשייד כדי אברהם אבינו זאל נישט זען זיינע שלעכטע מעשים און אים זאגן מוסר, דעריבער לְתַאֲוָה, נאך צו געבן זיין תַּאֲוָה, יְבַקֵּשׁ נִפְרָד, האט לוט זיך אפגעשייד, אבער ווען לוט וואלט געווען נאנט צום געצעלט פון אברהם וואלט נישט געווען בכלל קיין מחלוקת פון לוט און די רועים מיט אברהם. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**דער חילוק פון אִתּוֹ און עִמּוֹ**

וַה' אָמַר אֶל־אַבְרָם אַחֲרֵי הִפָּרֶד־לוֹט מֵעִמּוֹ: (יג יד) זאגט רש"י, בעוד שהרשע, לוט, עִמּוֹ, היה הדיבור פורש ממנו, פרעגט דער טור אין (פירוש הארוך על התורה) אז עס שטייט פריערט וַיֹּאמֶר ה' אֶל־אַבְרָם (יב א) דער אויבערשטער האט גערעדט מיט אברהם אפילו לוט איז געווען מיט אים און בלייבט וצ"ע? נאר מען קען זאגן אז מען טרעפט אין די פרשה אמאל שטייט ווען אברהם איז געווען מיט לוט, שטייט אִתּוֹ און אמאל עִמּוֹ, נאר ווען עס שטייט אִתּוֹ מיינט אז ער איז נאך געווען א צדיק, דעריבער ווען עס שטייט וַיֵּלֶךְ אַבְרָם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה', (יב ד) אז דער אויבערשטער האט גערעדט צו אברהם, שטייט וַיֵּלֶךְ "אִתּוֹ" לוט, ווייל "אִתּוֹ" מיינט לוט האט ארויף געקוקט אויף אברהם און געלערנט פון זיינע מעשים, אבער נאכדעם וואס ער האט באקומען זיין גרויסע פארמעגן פון מצרים האט ער זיך גרויס געהאלטן מיט דעם, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה פמ"א ז) אויפן פסוק (יג יא) וַיִּסַּע לוֹט מִקֶּדֶם: מיינט מקדמונו של עולם, ער איז אוועק פון דעם אויבערשטן, און האט געזאגט: אי אפשי בְּאַבְרָם ובאלקיו, דעריבער דא שטייט הִפָּרֶד־לוֹט מֵעִמּוֹ, איז ערשט נאכדעם וואס לוט איז אוועק געגאנגען פון אברהם, און ווייל לוט איז געווען א רשע, האט דער אויבערשטער נישט גערעדט צו אברהם ווען לוט איז דארט געווען. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב)

**פארוואס הייסט ער יִצְחָק און נישט יִשְׂחָק?**

וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֲבָל שָׂרָה אִשְׁתְּךָ יֹלֶדֶת לְךָ בֵּן וְקָרָאתָ אֶת־שְׁמוֹ יִצְחָק: (בראשית יז יט) זאגט רש"י ער הייסט יִצְחָק על שֵׁם הַצְּחוֹק, וועגן דעם וואס אברהם און שרה האבן געלאכט, דאס שטייט אין מדרש הגדול וְקָרָאתָ אֶת־שְׁמוֹ יִצְחָק, לְפִי שֶׁעָשׂוּ הַדָּבָר צְחוֹק, ביי אברהם שטייט וַיִּפֹּל אַבְרָהָם עַל־פָּנָיו וַיִּצְחָק: (יז יז) און ביי שרה שטייט וַתִּצְחַק שָׂרָה בְּקִרְבָּהּ (יח יב) אמר להן הקב"ה עשיתם הדבר צְחוֹק חייכם שהוא כשמו יצחק עכ"ל המדרש. על פי פַּשְׁטוּת וואלט מען געקענט פרעגן אז מען טרעפט ביי ישמעאל: וְקָרָאת שְׁמוֹ יִשְׁמָעֵאל כִּי־שָׁמַע ה' אֶל־עָנְיֵךְ (בראשית טז יא) און ביי אברהם: וְהָיָה שִׁמְךָ אַבְרָהָם כִּי אַב־הֲמוֹן גּוֹיִם נְתַתִּיךָ: (שם יז ה) און ביי יעקב: וַיֹּאמֶר לֹא יַעֲקֹב יֵאָמֵר עוֹד שִׁמְךָ כִּי אִם־יִשְׂרָאֵל כִּי־שָׂרִיתָ עִם־אֱלֹהִים וְעִם־אֲנָשִׁים וַתּוּכָל: (שם לב כט) וואס ביי זיי האט מען געגעבן א נאמען וועגן עפעס א מעלה און דא קומט אויס אז מען האט געגעבן דעם נאמען יִצְחָק אלץ א גְּנַאי, וועגן לאכן? נאר מען וואלט געקענט מחדש זיין אז דער נאמען יִצְחָק איז גאר א מעלה, ווייל עס שטייט אין מדרש (תנחומא תולדות ב) שאילמלא לא נברא יִצְחָק לא היה העולם מתקיים, ווען יִצְחָק וואלט נישט געבוירן געווארן וואלט די וועלט נישט געקענט האבן א קיום, איז מסביר דער הייליגער חיד"א אין זיין ספר דְּבַשׁ לְפִי, (מערכת י אות י) אז די וועלט איז באשאפן פאר כלל ישראל און אויב אברהם און שרה וואלטן נישט געלאכט, וואלט מען אים גערופן יִשְׂחָק, האט די לאכן גורם געווען גאר א טובה פאר כלל ישראל ווייל יִשְׂחָק האט אוועקגעגעבן דער שי"ן און גענומען א צד"י וואס דער חילוק פון שי"ן און צד"י איז 210, די רד"ו שנה וואס די אידן זענען געווען אין מצרים, און אויב חלילה וואלטן זיי געווען די גאנצע 400 יאר וואלט נישט געקענט זיין א קיום פאר כלל ישראל

ווייל זיי וואלטן אריין אין נ׳ שערי טומאה. עכ״ד החיד״א, און חז״ל זאגן אז די אידן וועלן ווערן אויסגלייזט פון אונזער גלות אין זכות פון יצחק, קומט אויס וְקָרָאתָ אֶת־שְׁמוֹ יִצְחָק, וועגן די לאכן, אבער עס איז געווען א הייליגע לאכן כדי מען זאל אים רופן יִצְחָק און נישט יִשְׂחָק און אזוי ארויסגיין פריערט פון מצרים, און עס איז טאקע מרומז וואס איינמאל שטייט ביים ברית בין הבתרים, אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק. (תהלים קח ט) און (דברי הימים א טז טז) שטייט אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ ״לְיִצְחָק״. ווייל ביים ברית בין הבתרים האט מען אים געדארפט רופן יִשְׂחָק, ווייל די גזירה איז געווען ד׳ מאות שנה, אבער מען האט אים גערופן יִצְחָק כדי ארויס גיין ק״ץ 190 יאר פריערט פון מצרים. (בית ישראל השלם למוה״ז האדמו״ר ממאטטערסדארף זצוק״ל)

## מדור העובדות

### דער הייליגער רבי ר׳ סמאיר מפרימישלאן ראטאוועט א שטוב און ברענגט זיי עשירות

אין שטאט ראדוביץ וואס איז געווען אין גאליציה עסטרייך[עס איז אויך געווען א שטאט ראדאוויץ וואס דאס איז געווען אין בוקאווינא -וויזניץ גזע] האט געוואוינט דער באוואוסער גביר ר׳ מיכל רודיק. אבער נישט אייביג איז ער געווען א עושר, אין אנפאנג איז ער געווען א גאר קליינעם סוחר וואס האט געהאט א קליין געשעפט פון פארקויפן סחורה און ער איז דארטן געזעצן און פארקויפט אבער זיין ווייב פלעגט פארן אין די געוויסע יריד׳ס און געהאנדלט מיטן איינקויפן סחורה. איינמאל איז זי געפארן קיין ווין צו א גרויסע יריד און זי האט אנגעבארגט געלט און גענומען די שטרות פון באנק כדי איינצוקויפן אסאך מיני סחורות כדי צו פארברייטערן זייער אויסוואל און אזוי קענען מצליח זיין. אזוי ארומקוקנדיג אין יריד טרעפט זי א באוואוסטער מעקלער און ער טראגט איר אן א געשעפט פון סחורה וואס איז א ווילדע מציאה וואס זי וועט קענען פארדינען זייער אסאך געלט. פרעגט זי פון וויפיל סחורה רעדט מען? האט ער געענטפערט אז ער האט דריי וואגאנען אנגעלאדנט מיט ווייסע לינען סחורה.

עפעס איז אריין אין איר און זי האט זיך צו געכאפט צום געשעפט און ווען מען האט געהאנדלט א פרייז האט זי אים געזאגט אז זי האט נישט די גאנצע געלט פאר אזוי פיל סחורה. האט דער מעקלער געזאגט אז דער בעל הבית וועט נעמען א שטר אויף די איבערגע געלט און דער מקח איז געשלאסן געווארן, מען האט מסדר געווען וועגענער צו ברענגן די סחורה קיין ראדוביץ. ווען די פרוי קומט אן מיט אזויפיל סחורה פון ווייסע לינען און זי דערציילט וויפיל געלט זי האט אוים געגעבן און די שטר חוב אויף שפעטער, האט זיך דער מאן גענומען שרייען געוואלד וואס האט זי געטאן? אין אזא קליין שטעטל ווי ראדוביץ קען מען נישט פארקויפן אזא קוואנטום אין פופציג יאר און זייער גאנצע געלט האבן זיי אריינגעלייגט אין דעם שוואכן געשעפט און נאך דערצו געווארן א בעל חוב!

די פרוי האט זיך יעצט אויך אויפגעוועקט און פארשטאנען די נארישקייט וואס זי האט געטאן מיט איינקויפן אזוי פיל סחורה פאר א קליין שטעטל און בפרט דארף מען דאך איינקויפן אסאך מינים פון סחורה, ר׳ מיכל האט זיך דא פארלוירן און זיך נישט געקענט בארוהיגן, ער האט געטענה׳ט אז זיי האבן דא פארלוירן זייער גאנצע פארמעגן און ווי וועט מען באצאלן די שטרות, די פרוי אנשטאט זיך מודה זיין אז זי האט געטאן א נארישקייט האט זי זיך גאר בארעכטיגט מיט כל מיני תירוצים און דער בעל דבר האט זיך אריינגעמישט און וויפיל מען האט פרובירט בארוהיגן ר׳ מיכל, איז ער געווארן נאך מער אין כעס ביז די אש המחלוקת האט געברענט און ער האט שוין מחליט געווען אז מען גייט אין בי״ד.

די פרוי האט געהאט א ברודער א אנגעזעענע תלמיד חכם און א פיקח און ער האט זיך אריינגעלייגט אין די פרשה און ער האט מְשַׁכְנֵעַ געווען ר׳ מיכל אז ער זאל גיין צו ר׳ מאיר׳ל מפרימישלאן און הערן וואס ער האט צו זאגן און וואס ער וועט הייסן זענען זיי מסכים צו פאלגן. ר׳ מיכל גייט מיט זיי צו ר׳ מאיר׳ל און ווען מען עפנט די טיר רופט זיך אן ר׳ מאיר׳ל ״שלום עליכם ר׳ מיכל דער גביר פון ראדוביץ״!

ר׳ מיכל בלייבט שטיין א פאוואונדערטער, ער איז נישט קיין גביר ער איז יעצט געווארן א ארימאן! און נעמט זיך קוקן אויפן צדיק מיט פארוואונדערטע אויגן, ר׳ מאיר׳ל הייסט אים שרייבן א קוויטל און זאגט ר׳ מיכל זאל אלעם דערציילן, ר׳ מאיר׳ל פארטיפט זיך אין דעם קוויטל און רופט זיך אן דיין ווייב הייסט דאך שרה, און עס שטייט אין די תורה (בראשית כ״א) כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה, ממילא מוז מען זאגן אז דאס וואס זי האט געטאן איז געווען ברוח הקודש, פארט אהיים לחיים ולשלום און דער אויבערשטער וועט אייך העלפן.

פונקט דעמאלט׳ס האט זיך געמאכט א מלחמה צווישן טורקי׳ און רוסלאנד, גאליציה עסטרייך איז געווען צווישן די צוויי מדינות, און עסטרייך איז געווען נאנט מיט טורקי׳, און געלאזט זייער מיליטער דורכפארן עסטרייך כדי אנקומען קיין רוסלאנד. איינע פון די טעג איז אנגעקומען א גרויסער גענעראל מיט טויזנטער סאלדאטן נעכטעגן אין ראדוביץ און האט באפוילן אז מען דארף מאכן א בגד פון ווייסע לינען פאר די סאלדאטן ווען זיי וועלן זיין אין רוסלאנד, מען וועט דארפן דריי בגדים פאר יעדן סאלדאט,

דער הויפט פון מיליטער האט געשיקט זוכן ווער עס האט א גרויסע קוואנטום סחורה פון ווייסע לינען אין ראדוביץ, און מען האט אים געשיקט צו דעם געשעפט פון ר׳ מיכל, דער הויפט איז געווארן פרייליך אז ער וועט שוין קענען גלייך אנהויבן די ארבעט, ער האט באצאלט דעם פולן פרייז און נישט געהאנדלט, און פון דעם געשעפט איז ר׳ מיכל געווארן א גרויסער עושר וואס דאס האט אים געפירט צו אנדערע גרויסע געשעפטן, ר׳ מיכל איז געפארן מיט זיין פרוי צו ר׳ מאיר׳ל און אים געדאנקט און האט איבער געבעטן זיין פרוי און עס איז געווארן ביי זיי צוריק שלום ושלוה, דער צדיק האט פארפראוועט א מלחמה כדי ראטעווען א שטוב און אויך ברענגען עשירות פאר זיי זיע״א.

**דער גליון איז מוקדש לעי״נ אחותי מרת אסתר מלכה ע״ה בת א״מ הרה״ח ר׳ אליעזר הלוי קליטניק שליט״א ודודי הרה״ח ר׳ ברוך יוסף הלוי בן הר״ר אברהם יעקב באכנער ז״ל שניהם ט׳ חשון, ולעי״נ הבחור יוסף שמואל ע״ה ב״ר צבי אלימלך נ״י, און לעי״נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר׳ מיכאל בן רחמים נימני זצ״ל כ״א תמוז תשע״ז**


***הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן***

ספר גבעת פנחס על איוב מהמגיד מפאלצק תלמיד הגר״א נדיר מאוד $5000. ספר ״והוא שאול״ פולמוס על החיים באמעריקא מיוסד על שיר השירים באסטאן תרע״א $1000, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי״א $5000 שו״ת חת״ם סופר ב׳ כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליץ קראקא ר׳ יעקב הורוביץ ור׳ אלעזר הורוביץ 2000$ ספר עם חתימת הרה״ק ר׳ אביש מקראלא עם קמיע $7000, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר׳ אברהם פאם $180 הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה״ק ר׳ יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר׳ חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה״צ מטאש זצוק״ל, א בריוו פון הרה״ק ר׳ מרדכי ובנו ר׳ אברהם די זוויהעלע רבי׳ס זצוק״ל, א גמרא פון הגאון ר׳ שלמה היימאן זצ״ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת״י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע״י חפץ חיים $400 שו״ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר׳ מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר״א דפו״ר שייך להגאון ר׳ שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***